Publié par l'Association pour l'Etude et la Diffusion de la Culture Yiddish et la Bibliothèque Medem

# דער יִדישער טעם-טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר יִדיש-לערנערס

אַ פּובליקאַציע פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿאַרן יִדיש-לימוד און פֿון דער מעדעם-ביבליאָטעק

יאָר 3 , נומער 4 (14)

ניסן תשנ״ח/אַפּריל 1998


## דער מאַן איז אַ פֿרוי ווי אַלע פֿרויען

**דער נײַער פֿילם פֿון זשאַן-זשאַק זילבערמאַן איז אַרויס אין פּאַריז. די מעשׂה קומט פֿאָר הײַנט צו טאָג און, ווונדער איבער ווונדער, מע רעדט און מע זינגט אויף יִדיש.**

ער הייסט סימאָן אַשכּנזי[1] : ער איז אַ ייִד, אַ קלאַרנעט-שפּילער און אַ האָמאָסעקסועלער. ער איז אָרעם אָבער ער האָט אַ רײַכן פֿעטער, אַ באַנקיר, וואָס האָט צוגעזאָגט אַז ער וועט אים געבן אַ מאַיאָנטיק[2] מיט געלט ווען ער וועט חתונה האָבן מיט אַ ייִדיש מיידל בכדי דער נאָמען אַשכּנזי זאָל נישט פֿאַרשווינדן.



דער אַקטיאָר אַנטואַן דע קאָן

זי הייסט ראָזאַלי : זי איז אַ פֿרום ייִדיש מיידל, אַ זינגערין, אַ סאָפּראַנאָ, וואָס זינגט ייִדישע לידער מחמת ייִדיש איז איר מאַמע-לשון.

דער עיקר אינעם פֿילם איז די מוזיק ; זי איז אַ בונד צווישן די צוויי העלדן. ראָזאַלי פֿילט זיך צוגעצויגן צו סימאָנען ווײַל ער שפּילט אויסערגעוויינטלעך שיין אויפֿן קלאַרנעט די ניגונים[3] וואָס זי האָט געהערט אין אירע קינדער-יאָרן. ער גייט מיט איר אויף דער פֿײַערונג פֿון דער ייִדישער קולטורוואָך און הערט זיך צו צו אירע לידער.

ראָזאַלי איז אַ פֿרומע, זי עסט כּשר, זי וויל בלײַבן אַ בתולה[4] ביז דער חתונה, זי לעבט על-פּי דין. סימאָן איז אַ האָמאָסעקסועלער, ער עסט טרייף און זײַן אייניציקער בונד מיט ייִדישקייט איז זײַן קלאַרנעט אויף וועלכן ער שפּילט כּלי-זמר[5]-מוזיק, אַ טאַלאַנט וואָס ער האָט באַקומען בירושה[6] פֿונעם טאַטן. די חתונה קומט טאַקע פֿאָר (און ס'איז זייער שיין פֿאָרגעשטעלט) נאָר אַוודאי איז דער זיווג[7] נישט באַשערט און נישט באַוווערט[8]. סימאָן קען זיך נישט בײַטן, נישט זײַן אַנדערש ווי ער איז.

די טעמע איז נישט קיין נײַע, נאָר סימאָן און ראָזאַלי זענען אָפֿן-האַרציקע און רירנדיקע מענטשן און, פּונקט ווי דאָס לעבן, איז דער פֿילם נישט אין גאַנצן קאָמיש און נישט אין גאַנצן טרויעריק. אַנטואַן דע קאָן שפּילט זייער גוט, ניואַנסירט און מיט געפֿיל. עלזאַ זילבערשטיין אויך, כאָטש איר פּערסאָנאַזש איז נישט אַזוי אויסגעאַרבעט. דער קלאַרנעט וואָס מע הערט ווערט געשפּילט פֿון דעם וועלט-באַרימטן גיאָראַ פֿײַדמאַן און די שיינע סאָפּראַנאָ-שטימע איז ראָזאַלי בעקערס. זי זינגט אויף ייִדיש די לידער *וואַרניטשקעס*, *ייִדל מיטן פֿידל* און *יאַנקעלע*. און די וואָס שפּילן די מוזיק זענען די כּלי-זמרים[9] פֿון דער גרופּע *אָריענט-עקספּרעס מווינג שנאָרערס*.

1. ASHKENAZI (Eskenazy אָדער אַנדערע וואַריאַנטן, ווי אין פֿילם) ; 2. fortune ;
3. NIGUNIM mélodies ; 4. PSULE vierge/virgin ; 5. KLEZMER ;
6. BEYERUSHE en héritage/as an inheritance ; 7. ZIVEG union ;
8. *exp*. ni destiné ni réalisé/ *exp*. not destined and not materialized ;
9. KLEZMORIM musiciens/musicians.

## טערקישע מעשׂיות

צי זענען אײַך באַקאַנט די מעשׂיות וועגן נאַסרעדין האָדזשאַ ? נאַסרעדין האָדזשאַ האָט געלעבט אין מיטל-עלטער אין אַנאַטאָליע (טערקײַ) , ווו ער איז געווען אַ שופֿט[1], כאָטש באמת נישט קיין וויכטיקער. אַ חכם איז ער יאָ געווען און דערצו אַ פּיקח[2]. כאָטש נישט קיין ייִד, האָט ער אַ פּיקחות[3], אַ חריפֿות[4], וואָס זענען נאָענט צום ייִדישן הומאָר. באַרימט איז ער געוואָרן צוליב די מעשׂיות וואָס מע האָט דערציילט וועגן אים, מעשׂיות וואָס האָבן זיך אַרײַנגעפֿלאָכטן[5] אין טערקישן פֿאָלקלאָר. הײַנט זענען זיי אײַנגעזאַמלט אין ביכער און איבערגעזעצט אויף כלערליי[6] לשונות[7]. עס וואָלט אפֿשר געווען כּדאַי מע זאָל זיי אויך איבערזעצן אויף ייִדיש. ווען איר וועט לייענען אָט דעם מוסטער[8] וועט איר אַליין פּסקענען[9].

1

אַ מאָל קומט אַ שכן צו נאַסרעדין אים בעטן ער זאָל אים באָרגן אַ לײַלעך[10]. נאַסרעדין ענטפֿערט אַז קיין איבעריקע לײַלעכער האָט ער נישט, וויפֿל ער האָט - באַנוצט ער.



- איך צעשנײַד זיי אויף שטיקלעך און צערײַב זיי מעל צו מאַכן.

- וואָס רעדט איר ? שטוינט דער שכן. ס'איז קיין מאָל ניט געהערט געוואָרן אַזאַ מין זאַך, מאַכן מעל פֿון צעריבענע לײַלעכער, ס'איז דאָך נישט מעגלעך אין קיין שום פֿאַל !

- וואָס הייסט ? אין איין פֿאַל, זאָג איך אײַך, איז יאָ מעגלעך ... ווען מע וויל זיי נישט באָרגן !

1. SHOYFET juge/judge ; 2. PIKEYEKh homme malicieux/clever man ;
3. PIKKhES malice/shrewdness ; 4. KhARIFES esprit acéré/keenness ;
5. ont pénétré/were woven into ; 6. KOLERLEY toutes sortes/various ;
7. LEShOYNES langues/languages ; 8. échantillon/sample ;
9. PASKENEN juger/judge ; 10. drap/sheet.

# בראָנדז מיט אַ מענטשלעכן פּנים

**דעם 18טן דעצעמבער 1997 איז געשטאָרבן דער סקולפּטאָר מיכאל (מישעל) מילבערגער,**
**אַ גוט באַקאַנטער קינסטלער פֿון ייִדישן פּאַריז**

מיכאל מילבערגער איז געבוירן געוואָרן אין 1922 אין וואַרשע, ווו ער האָט אָנגעהויבן שטודירן קונסט. אין 1939, ווען די דײַטשע אַרמיי באַפֿאַלט פּוילן, אַנטלויפֿט ער אין רוסלאַנד. אין מאָסקווע ווערט ער אָנגענומען אין דער קונסט-אַקאַדעמיע. אין 1948 באַקומט ער אַ דיפּלאָם, אין 1955 דעם דאָקטאָראַט אין קונסט-געשיכטע. דאַן ווערט ער אַ לערער אין דער קונסט-אַקאַדעמיע אין מאָסקווע. דער ראַטן-פֿאַרבאַנד גיט אים אָפּ כּבֿוד און ער מוז מאַכן די סקולפּטורן וואָס דער קולטור-מיניסטעריום באַשטעלט בײַ אים. ער שאַפֿט טאַקע אַ סך סקולפּטורן פֿאַר מלוכישע[1] סאָוועטישע געבײַען. למשל, אַ ריזיקן רעליעף וואָס שטעלט פֿאָר די טרעפֿונג





סכנת-נפֿשות

פֿון צוויי באַרימטע סלאַווישע פּאָעטן : פּושקין און מיצקיעוויטש, און וואָס איז אַנטהילט[2] געוואָרן אויף אַן אָפֿיציעלער פֿײַערונג אין 1955. מילבערגער האָט אויך געמאַכט סטאַטועס פֿונעם רוסישן שרײַבער אַלעקסאַנדער הערצן, דעם פּאַיאַץ[3] אָלעג פּאָפּאָוו (זייער אַ לעבעדיקע סקולפּטור), דעם יאָדער-פֿיזיקער[4] לעאָפּאָלד אינפֿעלד און אויך פֿונעם אַסטראָפֿיזיקער אַרי שטערנפֿעלד.

אין 1963 באַזעצט זיך מילבערגער אין פּאַריז. ער מאָדעלירט די ביוסטן פֿונעם מימיקער מאַרסעל מאַרסאָ, פֿון די פּאָעטן קלאָד ווישע און אַנדרע ספּיר, פֿונעם גענעראַל פּיער קעניג, פֿון די צוויי נאָבעל-פּרײַז-לאַורעאַטן זשאַק מאָנאָד און אַנדרע לוואָף. אין 1986 מאַכט ער דעם ביוסט פֿונעם פּוילישן פּאָעט טשעסלאַוו מילאָש, וואָס האָט באַקומען דעם נאָבעל-פּרײַז פֿאַר ליטעראַטור. אין ישׂראל מאָדעלירט ער די ביוסטן פֿון אַ ריי פּרעזידענטן און פּאָליטישע פּערזענלעכקייטן (ווי בגין און שמיר) און פֿונעם אַקטיאָר און קאָמיקער שימעון דזשיגאַן.

אָבער זײַנע שענסטע שאַפֿונגען זײַנען אינספּירירט געוואָרן פֿון דער ייִדישער קולטורעלער ירושה[5] און פֿון זײַן טיפֿן געפֿיל. די מאָטיוון שעפּט ער פֿון תּנך : *איובֿס חלום*[6], *יעקבֿס לייטער*, *שיר-השירים*[7], *די עקדה*[8], *שמשון און דלילה*.

אין 1981 האָט ער געמאַכט אַ גרויסע בראָנדזענע סטאַטוע פֿאַר אַ חורבן-מוזיי[9] אין ישׂראל. זי הייסט *סכנת-נפֿשות*[10] און שטעלט פֿאָר אַ יונגע טרויעריקע פֿרוי וואָס טראָגט איר קינד. דאָס ייִנגעלע הייבט אויף די לינקע האַנט קעגן די רוצחים[11]. ער איז דער סימבאָל פֿון די נאַצישע קרבנות[12].

מילבערגערס ווערק רעדן אויך פֿון ליבע און פֿון די באַציִונגען צווישן מענער און פֿרויען, מיט טיטלען ווי למשל, *האָפֿענונגען*, *האַלדזונג*, *לאָמיר טראַכטן*, *שושקען*... ער האָט געשילדערט דאָס לעבן מיט זײַנע שוועריקייטן : די *אַרבעטער*, *עגמת-נפֿש*[13], *איבערגעשראָקן* ; און זײַנע אומגליקלעכע מענטשן : *דער שלעפֿער וואָס שלאָפֿט אויף אַ באַנק*, *דער בלינדער מיט זײַן הונט*, *דער בלינדער און דער געליימטער*, *דער פֿאַראורטיילטער*[14].



פֿאַרחלומט

די סקולפּטורן זענען געבליבן אַזוי ווי יתומים[15] און פֿאַר די וואָס האָבן געקענט מ. מילבערגער וועט זײַן פּנים מיט די לאַכנדיקע אויגן און דעם פֿריידיקן שמייכל בלײַבן אויסגעשניצט אין זכרון[16].

1. MELUKHISHE d'état/state ; 2. inauguré/inaugurated ; 3. clown ; 4. physicien nucléaire/nuclear physicist ; 5. YERUSHE héritage/inheritance ; 6. IEVS KHOLEM Rêve de Job/Job's Dream ; 7. SHIR HASHIRIM Cantique des cantiques/Song of songs ; 8. AKEYDE Sacrifice d'Isaac/Sacrifice of Isaac *lit.* la ligature/the binding ; 9. Musée de l'Holocauste/Holocaust Museum ; 10. SAKONES NEFOSHES En danger/In Danger ; 11. ROTSKHIM *sing.* RETSEYEKH assassins ; 12. KORBONES victimes/victims ; 13. AGMES NEFESH chagrin/sorrow ; 14. Le condamné/The Condemned Man ; 15. YESOYMIM orphelins/orphans ; 16. ZIKORN mémoire/memory.

# בילדער פֿון אַ לעבן

## אינעם פּאַריזער מעמאָריאַל נאָך די קדושים[1] איז פֿאָרגעקומען

## אַן אויסשטעלונג פֿון דעם פֿאָטאָגראַף עווגעני כאַלדיי

כאָטש דער נאָמען עווגעני כאַלדיי איז הײַנט צו טאָג נישט זייער באַרימט, זענען פֿונדעסטוועגן גוט באַקאַנט אַ פּאָר פֿאָטאָגראַפֿיעס זײַנע, וואָס זענען דערשינען אין פֿאַרשידענע זשורנאַלן אויף דער גאַנצער וועלט. זײַן ווערק איז טאַקע אַן עדות־זאָגן[2] וועגן דער געשיכטע פֿונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

עווגעני כאַלדיי איז געבוירן געוואָרן אין 1917 אין אוקראַיִנע. איין יאָר שפּעטער האָבן די אוקראַיִנישע נאַציאָנאַליסטן געמאַכט אַ פּאָגראָם קעגן ייִדן. ע. כאַלדיי האָט דערציילט אַז ער איז געווען בײַ דער מאַמען אויף די הענט ווען אַ קויל האָט זי געטראָפֿן און זי איז אַנידערגעפֿאַלן אַ טויטע. די זעלביקע קויל האָט אים פֿאַרווונדיקט און ס׳איז אים געבליבן אַ שראַם[3] אויף אייביק.

ייִנגלווײַז האָט ער אַליין צונויפֿגעשטעלט זײַן ערשטן פֿאָטאָ־אַפּאַראַט, באַניצנדיק אַ שוואַרץ קעסטל ווי אַ טונקל־קאַמער און דאָס גלאָז פֿון דער באָבעס ברילן ווי אַן אָביעקטיוו. פֿון דעמאָלט אָן האָט ער נישט אויפֿגעהערט צו פּראַקטיצירן און פֿאַרבעסערן זײַן אַרבעט, פֿאָטאָגראַפֿירנדיק דאָס טאָגטעגלעכע לעבן אין מאָסקווע אין די דרײַסיקער יאָרן. גלײַכצײַטיק האָט ער געמאַכט בילדער פֿון די גרעסטע אַקטיאָרן און רעזשיסאָרן פֿון דעם ייִדישן טעאַטער, ווי מיכאָעלס און זוסקין, וואָס מע האָט שפּעטער אומגעבראַכט אונטער דער סטאַלין־ממשלה[4], צוזאַמען מיט אַנדערע פֿיגורן פֿון דער ייִדישער אינטעליגענץ. ער האָט פֿאָטאָגראַפֿירט דעם עולם הערנדיק די בשׂורה־רעה[5] וואָס מען איז מכריז[6] אויף דער גאַס אין מאָסקווע : דער אויסברוך פֿון דער מלחמה.

שפּעטער גייט ער מיט דער רויטער ארמיי קיין מורמאַנסק און נאָך דעם קיין בערלין. איידער ער איז געפֿאָרן קיין בערלין האָט ער געהאַט געבעטן אַ חבֿר זײַנעם, אַ שנײַדער, ער זאָל אים אויסנייען אַ פֿאָן פֿון אַ רויטן טישטעך, מיט אַ סערפּ און אַ האַמער. ווען די רויטע אַרמיי פֿאַרנעמט בערלין און באַזעצט דעם רײַכסטאַג בעט ער צוויי סאָלדאַטן זיי זאָלן אויפֿהענגען די רויטע פֿאָן. ער נעמט אַראָפּ דאָס בילד און אַזוי אַרום פֿאַראייביקט ער אַ מאָמענט וואָס ער האָט געהאַט צוגעגרייט דאָרטן אין מאָסקווע צוזאַמען מיט אַ ייִדיש שנײַדערל.

ער ווערט אַן אָנגעשטעלטער בײַ דער אַגענץ „טאַס“, וואָס שיקט אים אויפֿן נירנבערגער פּראָצעס, ווו ער מאַכט די באַרימטסטע בילדער פֿון גערינג. ער איז אויך בײַ דעם צוזאַמענטרעף אין פּאטסדאַם ווו ער נעמט אַראָפּ פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון סטאַלין, טרומאַן און טשערטשיל. ער ווערט סטאַלינס אָפֿיציעלער פֿאָטאָגראַף און אַרבעט פֿאַר דער אַגענץ „טאַס“ ביז 1948. נאָך דעם קומט ווידער אַרויס דער פֿאַרבאַהאַלטענער אַנטיסעמיטיזם. קיין אַרבעט פֿאַר ייִדן איז נישטאָ מער און ע. כאַלדיי ווערט, ווי אַ סך אַנדערע ייִדן, אָפּגעשאַפֿן[7]. נאָך סטאַלינס טויט האָט ער געאַרבעט פֿופֿצן יאָר פֿאַר דער צײַטונג „פּראַוודאַ“. ער האָט פֿאָטאָגראַפֿירט, ווי ער האָט אַליין געזאָגט, אַלץ וואָס איז געווען פּאָזיטיוו אין ראַטן־פֿאַרבאַנד. אָבער ווידער אַ מאָל האָט מען אים אָפּגעזאָגט[8] ווײַל זײַן שעף איז געווען אַן אָפֿענער אַנטיסעמיט.

עווגעני כאַלדיי איז געווען אַ פֿאָטאָגראַף, טאַקע אַ בעל־כּישרון[9]. ער האָט געלעבט זײַן גאַנץ לעבן אין ראַטן-פֿאַרבאַנד און איז דאָרטן געשטאָרבן מיט אַ פּאָר חדשים צוריק. נאָר דער פּאַראַדאָקס ליגט אין דעם, וואָס ער איז געוואָרן באַרימט דורך אונטערהאַלטן און דערהייבן, מיט זײַנע פֿאָטאָגראַפֿיעס, די ממשלה וואָס האָט אים באַדריקט[10].



די באַזעצונג פֿון רײַכסטאַג

1. KEDOYSHIM martyrs/martyrs (nom en yiddish du Mémorial du martyr juif/Yiddish name of Jewish Memorial, Paris ; 2. EYDES... témoignage/testimony ; 3. cicatrice/scar ; 4. MEMSHOLE régime ; 5. PSURE ROE mauvaise nouvelle/bad tidings ; 6. MAKHREZ מכריז זײַן proclamer ; 7. & 8. renvoyé/dismissed ; 9. BAL-KISHREN homme doué/talented person ; 10. opprimé/oppressed.

## שפּריכווערטער[1] פֿאַר אָנהייבערס

פֿאַר די אָנהייבערס וואָס אַרבעטן שווער און ביטער כּדי[2] זיך אויסצולערנען קאָניוגאַציע, דעקלינאַציע און אַזעלכע שיינע זאַכן, האָבן מיר אויסגעקליבן[3] אַ פּאָר שפּריכווערטער וואָס זענען פֿאַרבונדן[4] (מער אָדער ווייניקער) מיטן לערנען. זאָלט איר גוט אַרײַנקלערן[5] און זיך אַראָפּנעמען אַ בײַשפּיל[6].

1. תּורה[7] קומט נישט בירושה[8].
2. אַז דער תּלמיד איז אַ ווילער[9] איז דער רבי אויך אַ ווילער.
3. אַז מען האָט אַ סך צו טאָן לייגט מען זיך שלאָפֿן.

1. proverbes/proverbs ; 2. KEDEY afin de/in order to ; 3. choisi/chosen ; 4. ont un lien/related ; 5. réfléchir/think it over ; 6. prendre l'exemple/take an example ; 7. TOYRE Torah, *ici* le savoir en général/*here* learning in general ; 8. BEYERUSHE en héritage/as an inheritance ; 9. bon, bien/good, nice.

# וועגן דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור

**דער ייִדישער שרײַבער באָריס סאַנדלער איז געפֿאָרן קיין ניו-יאָרק כּדי צו ווערן דער קולטור-רעדאַקטאָר פֿון *פֿאָרווערטס*. מיר געבן דאָ אָן אַ פּאָר פּרטים וועגן זײַן לעבן.**



**באָריס סאַנדלער**

באָריס סאַנדלער איז געבוירן געוואָרן אין 1950 אין בעלץ, בעסאַראַביע. ער האָט זיך געלערנט פֿידל, געאַרבעט פֿיל יאָרן אין דעם מאָלדאַווישן סימפֿאָנישן אָרקעסטער. אין 1983 פֿאַרענדיקט די העכערע ליטעראַרישע קורסן בײַם ליטעראַטור־אינסטיטוט אין מאָסקווע.

זײַנע ערשטע טעקסטן אויף ייִדיש זענען דערשינען אין 1981 אין זשורנאַל *סאָוועטיש היימלאַנד*. שפּעטער האָט ער געשאַפֿן אויף דער מאָלדאַווישער נאַציאָנאַלער טעלעוויזיע אַ ייִדישע פּראָגראַם *אויף דער ייִדישער גאַס*. האָט געשריבן סצענאַרן פֿאַר צוויי פֿילמען און רעדאַגירט די ייִדישע טייל פֿון דער צוויי-שפּראַכיקער קעשענעווער צײַטונג *אונדזער קול*[1]. אין 1991 איז באָריס סאַנדלער עולה געווען[2]. אין ירושלים האָט ער געשאַפֿן אַ זשורנאַל פֿאַר קינדער, *קינד און קייט*[3]. ער איז אַ מיטגליד פֿון דעם ייִדישן ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פֿאַראיין אין ישׂראל. ער האָט זיך געדרוקט אין פֿאַרשידענע ייִדישע אויסגאַבעס[4] פֿון אַמעריקע און ישׂראל. זײַנע וויכטיקסטע ביכער זײַנען : *טרעפּלעך אַרויף צו אַ נס* (1986), *דער אַלטער ברונעם* (1994), *טויערן* (1996). עטלעכע פֿון זײַנע ווערק זענען איבערגעזעצט אויף רוסיש, ענגליש און פֿראַנצייזיש. מע קען זיי קויפֿן אָדער אויסבאָרגן - אויף ייִדיש אַוודאי - אין דער מעדעם-ביבליאָטעק.

1. KOL voix/voice ; 2. עולה זײַן OYLE ... immigrer en Israël/immigrate to Israel ; 3. *exp*. armes et bagages/kith and kin ; 4. publications.



**פֿונעם בוך „דער אַלטער ברונעם“**

## פֿאַסטאָראַל

### פֿון באָריס סאַנדלער

איך בין געלעגן אין מיטן פֿעלד. נאַזנדיק[1]. מיטן נאַקן[2] האָב איך געפֿילט די וואַרעמקייט פֿון דער גרינער ערד, מיטן שטערן - די קילבלעכקייט פֿונעם בלויען הימל. כ׳בין, דאַכט זיך, געשלאָפֿן, און ס׳האָט זיך מיר געחלומט[3] אַ חלום :

...איך שטיי לעבן חווהן[4] אויף די קני. צולייגנדיק דעם אויער צו איר קײַלעכדיקן בויך, הער איך, ווי עס קלאַפּט דאָרט אַ לעבעדיק הערצעלע - אַ נײַ, נאָך ניט קיין געבוירן לעבן. און די גאַנצע וועלט מיט אירע וועלדער און פֿעלדער, בערג און ימען[5], חיות[6] און פֿייגל - אַלץ, פֿון אַ קלענסט גרעזעלע, פֿון אַ מינדסט[7] בלעטעלע, וואָס וואַקסט אונטערן הימל, האָט אויף אַ רגע[8] פֿאַרטײַעט דעם אָטעם[9].

- אָדם - האָט מיך חווה אַ פֿרעג געטאָן, - ווי אַזוי וועלן מיר אָנרופֿן אונדזער ערשטלינג ?

- קין[10]...

כ׳האָב זיך אויפֿגעכאַפּט[11]. ווײַט-ווײַט, בײַם סאַמע האָריזאָנט, וווּ דער הימל נעמט אַרום די ערד, האָט זיך דערהערט אַ שטילער דונער. ער האָט נבֿיאות[12] געזאָגט אַ מבול[13].

1. sur le dos/face up ; 2. nuque/back of neck ; 3. GEKHOLEMT rêvé/dreamed ; 4. KHAVE... Eve ; 5. YAMEN mers/seas ; 6. KHAYES animaux/animals ; 7. moindre/least ; 8. REGE moment ; 9. *exp*.retenu le souffle/held its breath ; 10. KAIN Caïn/Cain ; 11. réveillé/woke up ; 12. NEVIES prophéties/prophesy ; 13. MABL déluge/flood.

# בריוו

# פֿון איטאַליע

**אונדזער געטרײַע קאָרעספּאָנדענטקע מאַריזאַ פֿון באַרי שרײַבט אונדז נאָך אַ מאָל וועגן דער „אומגלייבלעכער הצלחה פֿון ייִדישער קולטור בײַם איטאַליענישן עולם.“**

*דער אינטערעס פֿאַר דער ייִדישער קולטור אין איטאַליע ווערט גרעסער און גרעסער. דאָס שפּיגלט זיך אָפּ סײַ אין טעאַטער, סײַ אין פֿאַרלעגערײַ, סײַ אין עפֿנטלעכע דעבאַטעס. אומעטום קומען אויף נײַע איניציאַטיוון. עס זענען דאָ צוויי ייִדישע פֿעסטיוואַלן, אין אַנקאָראַ און אין ווענעציע, אַרום פֿאָלקסלידער, כּלי-זמר-מוזיק, טעאַטער-אויפֿפֿירונגען און ייִדישער קולטור בכלל. לעצטנס איז אין טריעסט פֿאָרגעקומען אַ סימפּאָזיום מיט רעפֿעראַטן, פֿאָרשטעלונגען און פּראָיעקציע פֿון אַלטע ייִדישע פֿילמען. אין באַרי איז פֿאָרגעקומען אַ סימפּאָזיום מיטן טיטל „אַמשעל קאַפֿקאַ : ליטעראַטור און ייִדישע אידענטיטעט“ (יאַנואַר 1998) וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע הצלחה. די דאָזיקע אימפּרעזע איז אַ רעזולטאַט פֿון אַ מיטאַרבעט צווישן אוניווערסיטעט, שטאָטראַט און טעאַטער. מע האָט געהערט אַן אמתע כּלי-זמר-גרופּע פֿון מיזרח-אייראָפּע און געזען דאָס לעצטע טעאַטערשפּיל פֿון אונדזער „נאַציאָנאַלן“ ייִדיש-אַקטיאָר מאָני אָוואַדיאַ : „דער פֿאַל קאַפֿקאַ“, וועגן דער ווירקונג אויף קאַפֿקאַ פֿון זײַן באַגעגעניש מיט דער מיזרח-ייִדישקייט. ווי אַן אַרײַנפֿיר, האָב איך געהאַלטן צוויי רעפֿעראַטן וועגן דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור פֿאַר אַן עולם פֿון עטלעכע הונדערטער פֿאַראינטערעסירטע סטודענטן. עס גייען אויך אַרויס ביכער אויף איטאַליעניש וועגן דער ייִדישער קולטור, צום בײַשפּיל אַ זאַמלונג עסייען און אַ ליטעראַרישע אַנטאָלאָגיע, פּובליקאַציעס וואָס שטעלן איטאַליע אויף דעם ניוואָ פֿון ערשטקלאַסיקער ייִדיש-פֿאָרשונג.*

***מאַריזאַ (הדסה) ראָמאַנאָ***

**אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט :**

*אַניק, ברוניד, זשיל, יצחק, מלכּה, מאַריזאַ, נאַטאַליאַ, ניקי, רובי.*

**מעדעם-ביבליאָטעק**

Bibliothèque Medem
52, rue René-Boulanger 75010 Paris
E-mail : medem@club-internet.fr

AEDCY
Der Yidisher Tamtam
B.P. 3256
75122 Paris CEDEX 03